בס"ד
נומער #59
אלול תשפ"ב
מאמענט

אינפארמאציע, אנאליז, טיפס און חיזוק פאר'ן גייסטישן געזונט

# נפש



דער
**מהלך פון**
**דר. גרין** וויאזוי זיך
צו באגיין מיט **קינדער**
**וואס זייער שפראך איז**
**שטויסן אויף דער ערד**
**און ווילדעווען** | ליבציפלין

מענטשן און
געשעענישן: **וויאזוי**
**אן עלנדע נאכט**
**אין וואלד האט מיר**
**געוויזן אז מעדיצין**
**איז מיר יא וויכטיג** |
ביזנעס קאפ: **דער ציל**
**פון א פלאן** | הגאון
רבי דוד לעווי: **א קינד**
**ווועמענ'ס אויפפירונג**
**איז אלעמאל**
**אויפ'ן גרעניץ** |
פערספעקטיוון:
**ווער איז א גייסטיש**
**געזונטער מענטש?**

די ווייטאגליכע לעבנסגעשיכטע פון **מיין טייערן ברודער**
**אהר'לע פריעד ע"ה**, א הייליגע נשמה וואס איז פארזען
געווארן אויף דער וועלט, וועמענ'ס **ביטערע טראגעדיע**
**דארף דינען אלס וועקער איבער דער שעדליכקייט**
**פונעם סם המות** וואס הייבט זיך לייזער אן
ארײנכאפן | יוסף פריעד, ירושלים

# די **טראגעדיע** פון **אהר'לע**



# דער געראונגל פון א לייב

די **פיינפולע לעבנסגעשיכטע פון מיין טייערן ברודער אהר'לע פריעד ע"ה**, א ליכטיג קינד וואס איז פארזען געווארן, א הייליגע נשמה וואס איז פארוואגלט געווארן אויף דער וועלט פאר אן אומבאקאנטן תפקיד. **א שמערצליכע טראגעדיע וואס מעג דינען אלס א וועקער פאר אונז אלע** | ארי שלא בחבורה

**יוסף פריעד, ירושלים**




אהר׳לע ע״ה ביי די דריי יאר על ברכי הרה״ק מסקולען זי״ע אין טאג פון זיין חאלאקע

**א**הר׳לע איז געווען א באַ׳חנ׳ט יונגעלע. פון ווען ער איז געבוירן געווארן האט ער אלעמען באצויבערט מיט זיין זיסקייט. ער איז געווען א קלוג יונגל און א שארפער קאפ. פארשטאנען האט ער טיף, געטראכט האט ער נאך טיפער. אלע האבן זיך געטשאטשקעט מיט אים.

נאך פון ווען ער איז געווען גאר א קליין קינד האט מען געזען אז דא האנדלט זיך מיט א ספעציעל איידעלע, זיידענע נשמה. ער האט שטענדיג געוואלט אז אלע ארום אים זאלן זיין באקוועם און זיך שפירן אנגענעם. נישט איינמאל האט מען אים געטראפן וויינען אין ווינקל ווייל עס האט זיך אים געדאכט אז ער האט עמיצן וויי געטון אין חדר אדער אין הויף.

א פרומע נשמה איז אהר׳לע אויך געווען. עס האט זיך אנגעהויבן דערקענען אויף אים פון ווען ער איז עטוואס עלטער געווארן און האט פון זיין אייגענעם ווילן געוואלט שטענדיג לערנען מיט זיין טאטן. ער האט זיך געוואלט אנטון גאר חסידיש און פרום אזוי ווי זיינע רבי׳ס האבן אים געלערנט. ביי זיין בר מצוה האט זיך דערקענט זיין אינערליכע איידלקייט, ווען ער האט געבעטן פון זיינע עלטערן אז זיי זאלן אים מאכן א באשיידענע סעודה אינדערהיים, ווייל ער וויל זיי שפארן געלט, און ער איז געווען פארנומען צו לערנען זיין פשעטל מיט התמדה.

פונדרויסן האט זיך דאס געהערט ווי א קינד פון די טרוימען. א פאלגזאמע און אן איידעלע, אזא סארט וואס מאכט נישט קיין וועזן פון זיך און רעדט זיך קיינמאל נישט אפ. אבער וואס מען האט נישט געהערט פון אים איז געווען דאס וואס ער האט מיטגעמאכט אין דער צייט וואס ער איז נישט געווען אינדערהיים. היות ער איז געווען א פארמאכט קינד וואס האט נישט צופיל ליב געהאט צו מיטטיילן זיינע געפילן, און



פונדרויסן האט זיך דאס געהערט ווי א קינד פון די טרוימען. א פאלגזאמע און אן איידעלע, אזא סארט וואס מאכט נישט קיין וועזן פון זיך און רעדט זיך קיינמאל נישט אפ. אבער וואס מען האט נישט געהערט פון אים איז געווען דאס וואס ער האט מיטגעמאכט אין דער צייט וואס ער איז נישט געווען אינדערהיים

לערנענדיג אין א גרויסן קאמערציעלן מוסד פון א פראמינענטער קהילה צו וועלכן זיין פאטער האט נישט באלאנגט, האט דאס אים נישט געדינט אויף צום גוטן.

## לערן פראבלעמען ווערן אנטדעקט

אהר׳לע האט זיך געפלאגט מיט א לערן פראבלעם וואס האט אים געשטערט פון מיטהאלטן די לימודים אין חדר, אבער עס איז נישט געווען קיינער וואס האט גענייגט אן אויג דערויף און ער איז פארנאכלעסיגט געווארן אויף פארשידענע אופנים.

אויך האט ער געדינט אלס א פאסיגער שעיר לעזאזל פאר געוויסע צרה-לייט, וועלכע האבן אויסגענוצט דעם פאקט אז ער טוט זיך נישט זעלבסט באשיצן, און האבן אויף אים ארויפגעשמירט אלע 'טראבל' וואס זיי האבן געמאכט, און אזוי פלעגט ער נעבעך אפדינען פילע טערמינען און קנסים אין וואס זיינע חברים זענען געווען שולדיג.

אהר׳לע האט זיך אפגעליטן זיינע חדר יארן אין שווייגעניש, ער האט קיינעם נישט דערציילט וואס ער מאכט מיט ווען ער איז נישט צווישן די פיר ווענט פון זיין ווארעמער שטוב. ספעציעל אין איין יאר וואס ער האט נישט נושא חן געווען אין חדר און האט אריינגעהויבן אויף א טעגליכן שטייגער, ווערנדיג באקלאפט סיי פיזיש און סיי גייסטיש.

דאס קינד האט קיינמאל נישט דערציילט וואס ער מאכט מיט, אבער אין יענעם יאר וואס ער האט געלערנט ביי דעם מלמד האט מען אנגעהויבן דערקענען אז ער איז פארקנאקט אין זיך. רויטע לאמפן האבן אנגעהויבן בלינקען און צייגן אז עפעס גייט פאר מיט דעם קינד, עפעס עגבערט און נודזשעט אים וואס ער דערציילט נישט.

די באזארגטע עלטערן האבן אים גענומען צו טעראפיסטן וואס האבן פרובירט רעדן מיט זיין נפש אבער זיין פאזיטיווע באנעמונג האט זיי ארויסגענומען פון די גלייזן. זיי האבן נישט געקענט גלייבן אז ער ליידט אזוי פיל און דאך גייט ער אן כאילו לא היה. געוויסע פראפעסיאנאלן האבן געהאלטן אז דאס קען זיין זייער געפארפול און קען אויסקלאפן שפעטער אין לעבן. לויט זייער ראט האט מען אים טאקע געטוישט צו אן אנדערן מוסד, און דאן זענען טאקע זאכן געווארן עטוואס בעסער.

## ישיבה יארן, א נייער בלאט

ווען אהר׳לע איז אנגעקומען צו די ישיבה יארן האט ער געהאפט אז עס וועט אים זיין בעסער און גרינגער, און עס איז אים טאקע געווען לייכטער. פונדעסטוועגן, היות ער האט געהאט א נאמען פון א 'פארמאכטער' און 'קלענערער בעל כשרון', איז אים שווער געווען דער וועג אריין אין ישיבה, און ער האט זיך געטראפן אין א קליינע ישיבה׳לע געאייגנט פאר מער פראבלעמאטישע קינדער - א טיטל וואס ער האט זיך בהחלט נישט פארדינט.

לערנענדיג אין א שוואכערער סביבה, האט אהר׳לע נאטירליך אנגעהויבן פאלן. ער האט אבער נישט געשפירט באקוועם דערמיט, און ער האט געבעטן זיין טאטן אז ער זאל אים ארײנלייגן אין א בעסערער ישיבה כדי אז ער זאל קענען בעסער מיטהאלטן די לימודים און אז ער זאל שטייגן ווייטער ברוחניות.

מיט גרויס השתדלות האט מען ערפילט זיין רצון. מען האט אים געשיקט אין א גוטער ישיבה לערנען, און די רעזולטאטן האבן נישט פארפעלט צו קומען. דער בחור׳ל האט געמאכט פארשריט, זיינע בחינות זענען צוריקגעקומען מיט שיינע צייכנס, מען האט געזען אז דאס קינד איז אויסן צו וואקסן און שטייגן א וואויל, געלונגן קינד.

## אבער פארוואס פונקט אונז?

א מיטליעריגע פארפאלק איז אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה צו הרה"ק מסקולען זי"ע און זיך אויסגעוויינט זייער ביטערע לאגע. זייער טאכטער איז לײדער פארפארן פון אידישן וועג, און אלע זייערע פרואוון און געבעטן איר צוריקצוברענגען האבן נישט געברענגט די געוואונטשענע רעזולטאטן. די עלטערן זענען נישט געווען פונעם סארט וואס וואלטן אפגעהאקט באציאונגען, נאר זיי האבן ענדערש אויסגעוועלט צו צייגן ליבשאפט און אנערקענונג צו זייער קינד, אבער דאך האט נישט אויסגעזען ווי עפעס רוקט זיך ביי זייער טאכטער אין הארץ.

אין אזא מצב געפינען זיך עלטערן אין א שווערער דילעמע, ווען פוןביידע זייטן זענען דא כוחות וואס שלעפן אהין און אהער. עס זענען דא אזעלכע וואס צייגן אן אז אויב מען זעט דאס קינד וויל נישט צוריקקומען צום דרך הישר דארף מען בלית ברירה פארקוקן אויף דעם קינד און אזוי ארום כאטש אפהיטן און באשיצן די איבריגע קינדער אין שטוב, אבער פון דער צווייטער זייט זאגט דאס הארץ און מח צוזאמען מיט די אינערליכע פאטערליכע/מוטערליכע געפילן, אז וויאזוי איז דען מעגליך זיך אפצוהאקן פון אן אייגן קינד. און ווער וויל דען נעמען די אחריות צו לויפן צו אומאנגענעמע החלטות מיט ווייטגרייכנדע קאנסעקווענצן וועלכע פארמאגן טיילמאל נישט קיין וועג צוריק.

זיצט די מאמע אין צימער פון רבי'ן זי"ע און וויינט זיך אויס איר ביטער הארץ. זי דערציילט וויפיל זי פרובירט צו צייגן איר הארץ פאר איר טאכטער, און וויפיל זי האפט און בעט און פארגיסט טייכן טרערן אז דאס קינד זאל זיך אומקערן צום גלייכן וועג. די מאמע פרעגט שוין ניטאמאל ווען דאס קינד וועט תשובה טון, זי וויל איצטער וויסן פארוואס דער אויבערשטער האט פונקט איר אויסגעקליבן זיך צו דארפן ספראווען מיט אזא אומדערטרעגליך שווערן פעקל.

דער רבי כאפט אן די האנט פונעם צעבראכענעם פאטער וועלכער זיצט און הערט ווי זיין אשת חיל פרעגט דעם רבי'ן איינמאל און נאכאמאל מיט ביטערליכע טרערן "פארוואס, אבער פארוואס פונקט אונז?" דער רבי גלעט דעם טאטנ'ס האנט און יעדע פאר מינוט טוט ער פארווישן צוויי הייליגע שנירלעך טרערן אויף זיין געטליכן געזיכט.

די סצענע וואס שפילט זיך דא אפ איז נישט עפעס וואס איז זעלטן אינעם צימער פון דעם הייליגן מאן, אזויפיל טויזנטער שבורי לב קומען דאך אריין אין צימער פונעם צדיק און גיסן זיך אויס זייער הארץ, יעדער איינער מיט אנדערע צרות און דאגות. ספעציעל אבער אין דעם הינזיכט פון קינדער וואס פארלאזן די דרך התורה, דארטן פארמאגט דער רבי א ספעציעל ווינקל אין הארץ.

"טייערע עלטערן", הייבט דער רבי אן צו רעדן מיט א שוואכער שטימע ווען די מוטער ווישט אירע טרערן, "איר פרעגט פארוואס פונקט אייך האט דער רבש"ע אויסגעוועלט צו שענקען אזא נסיון, איר ווילט וויסן פארוואס?" זאגט דער רבי איבער וואס ער האט נארוואס געהערט פון דער צעבראכענער מאמע. "איך וועל אייך זאגן פארוואס".

"דער רבש"ע האט אייך אויסגעקליבן, ווייל ער ווייסט אז איר זענט די ריכטיגע שלוחים זיך צו ספראווען מיט זיינע הייליגע און ספעציעלע נשמה'לעך. די קינדער קומען אראפ אויף דער וועלט כדי זיך אויסצולייטערן דורכ'ן ליידן יסורי הנפש, עס איז נישט מעגליך צו באגרייפן זייער צער, עס קומט דאך נישט פון קיין שלעכטער ארט", זאגט דער צדיק יסוד עולם, וועלכער סימבאליזירט אש קודש און קדושה. "יעדעס מאל וואס אייער קינד מאכט סיי וואסערע קליינע טריט אין ריכטונג פון אידישקייט, איז עס פאררעכנט מער ווי מיר מיינען, עס איז אזויפיל מער ווערד ווי דאס אלעס וואס מיר טוען, עס קומט דאך זיי אן אזויפיל שווערער ווי פאר אונז", זאגט דער רבי ווען עס דערקענט זיך אויף זיין צורה די געוואלדיגע מיטלייד וואס ער האט מיט די פארבלאנדזשעטע נשמות וואס דרייען זיך ארום אויף דער וועלט.

"דער הייליגער באשעפער האט אייך אויסדערוועלט אז איר זאלט זיין די וואס וועלן זיך פארנעמען מיט זיינע ספעציעלע נשמה'לעך. איר דארפט זיך פרייען אז דער אויבערשטער פארטרויט אייך מיט אזא געוואלדיגער, גרויסער מיסיע!" זאגט דער רבי ווייטער, אריינבלאזנדיג חיזוק אין די הערצער פון די עלטערן וועלכע זענען געקומען אויסגיסן זייער פארווייטאגט הארץ.

געשטארקט און עטוואס מער צופרידן איז דאס פארפאלק ארויסגעקומען פון רבינ'ס שטוב, אבער דער גבאי האט זיי צוריקגערופן. וואס איז? דער רבי האט געוואלט שטערקער מאכן זיינע רייד.

"איך וויל אייך ברענגען א ראיה צו דאס וואס איך האב אייך פריער געזאגט", האט דער רבי ערקלערט פארוואס ער רופט זיי צוריק. און דער רבי ווענדט זיך צו דער מאמע און פרעגט איר, "וואס וואלטן אייערע עלטערן געטאן טאמער חלילה עמיצער פון זייערע קינדער וואלטן ווען פארקראכן פון אידישן וועג?" די מאמע האט באלד געענטפערט "זיי וואלטן עס נישט אויסגעהאלטן, זיי וואלטן זאפארט ארויסגעווארפן פון שטוב און אפגעהאקט באציאונגען". דער רבי האט געשטעלט די זעלבע פראגע פאר'ן פאטער, וועלכער האט געהאט אן ענליכער תירוץ.

"נו, פארשטייט איר שוין פארוואס דער אויבערשטער האט געשאנקען 'פונקט' פאר אייך אזא קינד?" פרעגט דער רבי מיט אן איבערצייגנדער מינע. "איר זענט דאך אזוי שטארק און פעסט. איר לאזט זיך נישט פארפירן פון אייערע געפילן און איר ווארפט נישט ארויס דאס קינד פון שטוב. איר העלפט ארויס דאס קינד און איר שענקט אייער גאנצע הארץ. פארשטייט איר שוין פארוואס איר האט זוכה געווען?!"





**אייביג צוזאמען, ברודער.** אהר'לע ע"ה (רעכטס) מיט יבלחט"א זיין ברודער, דער שרייבער פון די שורות

## והנער איננו אתי

איינמאל אהר'לע האט געענדיגט ישיבה קטנה, האט מען אים געשיקט לערנען קיין ארץ ישראל אין א גוטער ישיבה מיט א שטרענגער מסגרת. דארטן האט זיך אבער געמאכט א ביטערער פאנטשער ווען אהר'לע איז דורכגעגאנגען א שרעקליכע איבערלעבעניש און באלעסטיגונג, א דורכגאנג וואס האט איבערגעלאזט א טיפן שניט אין זיין זעל, און האט אויפגעוועקט די צער און ווייטאג פון זיין יוגנט. די גאנצע פארשריט וואס ער האט געמאכט אין די פארלאפענע ישיבה יארן זענען פארגאנגען אין רויך.

ארי איז געקומען צוריק צו זיין היימשטאט, ער האט פרובירט אזוי שטארק זיך צו האלטן ערליך, עס איז אים אבער מער נישט געגאנגען. ערגעצוואו האבן זיך צו אים דאן צוגעטשעפעט 'געשמאקע' מענטשן וועלכע האבן אים 'מקרב' געווען און געגעבן 'ליבשאפט' אויף א קראנקן אופן, אריינברענגענדיג אים אין דער וועלט פון פארשידענע שעדליכע סחורה וועלכע פארטייבן דעם מח.

אזא צעקלאפטע נפש ווי ארי האט זיך צוגעכאפט צו די סחורה וועלכע ער האט נעבעך געשפירט ווי באלזאם און באנדאזשן אויף זיינע גייסטישע וואונדן, און איינמאל ער איז דערין אריינגעפאלן האט ער שוין נישט געקענט געפונען א וועג ארויס, כאטש ער האט ווייטער פרובירט ארויסצוקריכן דערפון.

אזוי האט זיך ארי אפגעמוטשעט פאר עטליכע פיינפולע יאר, ווען דורכאויס דער גאנצער צייט האט ער בשום אופן נישט געוואלט צולאזן אז זיין טאטע זאל פון אים האבן צער און האט געטון אלעס מעגליך צו ארויסקריכן פון זיין ביטערן מצב. ער איז געגאנגען צו אזויפיל הילפס-ערטער און רעהאביליטאציע ("ריהעב") צענטערס פרובירנדיג זיך אפצושאקלען פון זיין מסוכנ'דיגער אדיקציע, און ער פלעגט מאכן זיכער אנצורופן זיין טאטן יעדעס מאל עקסטער און בארואיגן אז דאסמאל איז שוין אמת'דיג געענדיגט. ער פלעגט ארויפגיין צום ציון פון די הייליגע ריבניצער און סקולענער רבי'ס זי"ע און זיך אויסוויינען 'אל תסתר פניך ממני' מיט יאמערליכע בכיות.

## געפאלן אין שלאכט

איין פרייטאג, ווען ארי איז געווען אויפ'ן וועג ארויס פון א ריהעב צענטער, זייענדיג שוין נאנט צו 100 טעג אפגעשיידט פון די געפארפולע סחורה, האט ער ליידער ווידעראמאל געליטן א דורכפאל, און דאסמאל האט מען שוין נישט געקענט צוריקדרייען ל"ע.





מיט הרה"ק מסקולען זי"ע ביי זיין אפשערן



אהר'לע ע"ה ביי זיין בר מצוה, ביים אריינקומען לעול התורה והמצוות

אלע האבן געהערט אז די לויה פון הבה"ח אהרן ז"ל וועט ארויסגיין מוצאי שבת. אלע האבן פארגאסן טרערן אויף א אידישער נשמה וואס איז ליידער אוועקגעריסן געווארן פון אונז אין אזא יונגן עלטער. אלע האבן געוויינט אויף דאס ביימעלע וואס איז פארשניטן געווארן אזוי פריצייטיג. חבל על דאבדין.

ביים ניחום אבלים נאכ'ן באליבטן אהר'לע האט כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א געזאגט פאר דער ערשיטערטער פאמיליע, "אם יש דין למטה אין דין למעלה, אהר'לע איז ארויף ריין אין הימל, און ער ווערט געפירט גראד אין גן עדן אריין. נאכ'ן מיטמאכן אזויפיל צרות יגון ואנחה אויף דער וועלט, איז זיכער אז עס איז נישט געווען נאך א דין אויף יענער וועלט".

## אהר'לע פאדערט

די געשיכטע פון אהר'לע לאזט אלעמען איבער שאקירט און ערשיטערט. מיר קרעכצן און זיפצן אויף א נשמה וואס איז ליידער פארנאכלעסיגט געווארן און איז אין א געוויסן זין צעטראטן געווארן אונטער די נעגל פון דעם היינטיגן קאמערציעלן מהלך החיים. זיינע טיפע אויגן האבן געשריגן פון קינדווייז אן "איך מאך מיט! קוק אויף מיר!" אבער זיין באגער איז נישט דערהערט געווארן. יא, טיילמאל קענען נישט עלטערן געבן דאס וואס א שמייכל פון א פרעמדער קען.

די שמערצליכע געשיכטע פון אהר'לע דערמאנט אונז אז עס זענען פארהאן בייזוויליגע עלעמענטן, מזיקים וואס באדראען די לעבנס פון יונגע נשמות ה"י. אהר'לע פאדערט אונז אויף צו זיין שטארק געווארנט מיט וועמען אונזערע קינדערלעך קומען אין בארירונג.

אהר'לע בעט זיך צו פאר עלטערן: אויב איר זעט אז אייער קינד איז אומצופרידן, טוט דאס נישט איגנארירן. פרעגט אים גוט אויס און מאכט זיכער אז איר דערגייט וואס עס באדערט אים. און מער פון דעם, שיקט דאס קינד בעוד מועד פאר די וויכטיגע טעראפי אין וואס ער נויטיגט זיך כדי אז דער ווייטאג זאל זיך נישט אנפילן און דאן איבעררינען חלילה. זייט קלוג.

אהר'לע אפעלירט צו מחנכים און מלמדים: ביטע איגנארירט נישט די אלע אהרל'עך וועלכע לערנען אין אייערע קלאסן. ווען איר זעט א קינד וואס מוטשעט זיך מיט'ן לערנען, ביטע שטעלט צו הילף, ביטע זייט וואכזאם און גרייט צו אנאליזירן און ארבעטן אינאיינעם מיט די עלטערן צו העלפן דאס קינד. אויב עמיצער שפירט אז ער קען דאס נישט צושטעלן, זאל ער ביטע לאזן דעם מחנך פאסטן פאר א צווייטן (און דערווייל זאל ער כאטש באהאנדלען דאס קינד מיט רחמנות, מיט ווייכע הענט, און נישט דאס פארקערטע).

אהר'לע פאדערט און ווארנט בחורים און יונגעלייט מיט קלארע רייד: שטיי ווייט פון שעדליכע סחורה! זיי נישט קיין אויבער-חכם, גיי נישט אריין אין קיין וויכוחים אויב עס איז אדיקטיוו אדער נישט, נאר פשוט ריר דאס נישט צו. אפגעזען דעם נאמען צי יענעם, לאז עס נישט אריינקומען אין דיין טעריטאריע. איך בעט דיך ברחמים ובתחנונים, הייב זיך נישט אן מיט עפעס וואס איז שטערקער ווי דו. שלא תמות כדרך שמת אהר'לע!

אהר'לע וויל אויך אויפמערקזאם מאכן: ווען איר שענקט 'ליבשאפט' פאר א צעבראכענעם בחור דורכ'ן אים באקוועם מאכן אין אייער אייגענער בלאטע, שפילט איר זיך מיט זיין לעבן. אויב זענט איר נישט באאויפטראגט דורך סיי וועלכן אחראי אז איר מעגט זיין א משפיע, דאן קען גאר אייער חיזוק זיין דער פונדאמענט צו זיין חורבן. אויב איר זענט נישט פאראנטווארטליך אויף זיך אליין, וויאזוי קענט איר יענעם געבן הדרכה.

און מיר זאגן פאר אהר'לע: תנוח בשלום על משכבך, געניס אונטער'ן כסא הכבוד און פארגעס אונז נישט קיינמאל. רייס איין אין הימל אז קיין שום אידיש קינד זאל נישט מיטמאכן דאס וואס דו האסט מיטגעמאכט. עס איז איבער געגוג וויפיל מיר האבן געזען, אבער נאר דו אליין ווייסט באמת וויפיל דו האסט זיך געפלאגט און געמוטשעט אויף דער וועלט, דיינע גייסטישע מאטערנישן אויף דעם עולם השפל וואס דו האסט דאך נישט דערציילט קיין טיפה מן הים, דיין ענדלאזע בלאנזשען בין קודש לחול אינעם עולם התוהו, און די לעבעדיגע כף הקלע וואס דו האסט מיטגעלעבט אויף דער וועלט.

און מיר נעמען זיך אונטער, אהר'לע, מיר וועלן טון וואס מיר קענען צו פאראייביגן דיין זכר דא אויף דער וועלט. דו ביסט ליידער אוועק קינדערלאז נישט איבערלאזנדיג קיין זרע של קיימא, אבער אונזערע מעשים וועלן שטענדיג שרייען אין דיין אנדענק: יתגדל ויתקדש שמיה רבא.

זאלן אונזערע שורות און די נאכפאלגנדע התעוררות זיין לעילוי נשמת הבה"ח אהרן ע"ה בלהבל"ח ר' משה בצלאל שליט"א, וועמענ'ס ערשטער יארצייט איז געפאלן דעם פארלאפענעם ח' תמוז.



# אייביג צוזאמען, ברודער

די אויגן האבן געשיינט
מען גערענקט ווי היינט
ווי שטענדיג געפלאנט
צו בלייבן אייביג צוזאמען

אזויפיל גוטע יארן
געקומען און געפארן
אין מח א בילד א קלארן
פון ביידע צוזאמען

פלוצלינג גערודער
ווי א שיף אן א רודער
דאס הארץ שרייט, ברודער!
פארוואס ביסטו נישט צוזאמען

קיינער קען נישט פארשטיין
עס איז נישט גרינג, ניין
צַר לִי עָלֶיךָ, אָחִי, כ'בין אליין
נָעַמְתָּ לִּי מְאֹד ווען געווען צוזאמען

די וועגן אין הימל פארדעקט
אוי ווי עס דערשרעקט
מ'דארף ווארטן ביז מ'אנטפלעקט
איין תירוץ אויף אלעס צוזאמען

נסתרים דרכי השם
אויך די ווייטאג און קלעם
אבער תחזקנה ידיכם
אט אט קומט מען זיך צוזאמען

אינעם לוח נאך א מיש
דעם טרער נאך א וויש
גרייט זיך און זיך ריש
צו זיין נאכאמאל צוזאמען

דער בית העלמין זיך ערוועקט
ברייטע ארעמס אויסגעשטרעקט
אלעס איז אנטפלעקט
מען האלזט זיך צוזאמען

תחיית המתים וועט זיין
זיי וועלן אויפשטיין
מיר וועלן פארשטיין
און אינאיינעם קומען צוגיין
אנטקעגן משיח צוזאמען!

